פולע טאבעלע פון דער מלוכה-לאטעריע — זעה 9 זייט

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

היינט 10 זייטען

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

# נייער פאלקסבלאט

№ 231 | לאדז, מיטוואך כ״ו תשרי תרצ״ב | נייטנער יאהרגאנג | Łódź, Sroda 7 października 1931 r. | № 231

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71 — Adres Redakcij i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71.

# פונאנדערגעלאזן דאס ענגלישן פארלאמענט

## נייע וואהלען וועלען פארקומען נאך אין היינטיגען חודש

לאנדאן, 6. (ספ. טעל.) אויף דער נעכטיגער באנקעט־זיצונג האט דער ענגלישער קאבינעט בעשלאסען צו מאכען נייע וואהלען.

מארגען וועט פארקומען א זיצונג פון ענגלישען פארלאמענט און איבערמארגען וועט מען פונאנדערלאזען דעם פארלאמענט.

די נייע וואהלען זענען בעשטימט געווארען אויף מיטוואך דעם 28 אקטאבער.

מאקדאנאלד זאל נאך היינט אויפגענומען ווערען דורכ׳ן קעניג וועלכער וועט איהם געבען צו דעם די געהעריגע פולמאכט אויף פונאנדערצולאזען דעם פארלאמענט.

אין די פארלאמענט־קרייזען האט מען איבערגעגעבען, אז אין וואהל־אויפרוף פון דער רעגירונג וועט נישט אונטערשטראכען ווערען די פראגע וועגען איינפיהרען שוץ־צאל.

די רעגירונג האט געהייסען מאקדאנאלד׳ן רעדאגירען דעם וואהל־אויפרוף אויף אזא אופן, אז ער זאל קאנען אנגענומען ווערען פון אלע ריכטונגען.

לויט וויטערדיגע ידיעות איז שוין א פאקט די שפאלטונג צווישען די ליבעראלען.

די נייע גרופע ביי די ליבעראלען וואס דזשאן סימסאן האט געשאפען, צעהלט 22 דעפוטאטען פון דער צאהל 58.

די דאזיגע גרופע האט נעכטען אפגעהאלטען א זיצונג און האט בעשלאסען צו שטיצען מאקדאנאלד׳ן ביי די וואהלען.

לאנדאן, 6. (טו) מאקדאנאלד האט ערקלערט אין פארלאמענט, אז מארגען ווערט אויפגעלעזט דער פארלאמענט און האט איבערגעגעבען צו דער קעניג האט איהם שוין געגעבען די הסכמה פונאנדערצולאזען דעם פארלאמענט.

לאנדאן, 6. (פאט). לויט די לעצטע ידיעות וועט דער ענגלישער פארלאמענט מארגען פונאנדערגעלאזט ווערען און די נייע וואהלען וועלען בעשטימט ווערען אויף דעם 27 אקטאבער.

לאנדאן, 6. (פאט) ווי מען גיט איבער, וועט דער נייער פארלאמענט געעפענט ווערען דעם 19־טען נאוועמבער.

לארד רידינג,



דער ענגלישער אויסערן-מיניסטער איז געפאהרען קיין פאריז.

# מען דערווארט א מיליטערישן קאנפליקט

## מיט די סאוויעטען אויפ׳ן ווייטען מזרח

ריגא, 6. (פאט) „סעוואזניא“ איז מודיע, אז נעכטען איז געקומען א סוחר פון סאוויעטען-רוסלאנד און האט איבערגעגעבען, אז אויפן ווייטען מזרח הערשט די איבערציי׳גונג, אז עס איז נישט אויסצומיידען א בעוואפענטען קאנפליקט מיט די סאוויעטען.

אין דער ריכטונג פון מאנדזשוריען און וולאדיוואסטאק ווערען ארויסגעשיקט צוגען מיט מיליטער.

די ציווילע קאמוניקאציע איז זעהר א שווערע.

# ערב דימיסיע פון דייטשען קאבינעט

בערלין, 6 (ספ. טעל.) „גערמאניא“ שרייבט, אז עס איז שוין זיכער, אז דער דייטשער קאבינעט, אין איצטיגען צוזאמענשטעל, וועט זיך שוין מעהר נישט פארשטעלען דעם פארלאמענט און אז דער אויסער,-מיניסטער קורציוס וועט די טעג דימיסיאנירען.

אין משך פון דער היינטיגער וואך וועט פארקומען א רעקאנסטרוקציע פון דער דייטשער רעגירונג.

בערלין, 6 (פאט) אין די פאליטישע קרייזען ערווארט מען אויף מארגען די דימיסיע פון דייטשען קאבינעט.

דעם קאנצלער ברינינג זאל מען איבערגעבען צוזאמענצושטעלען די נייע רעגירונג.

דעם אמט פון אויסערן-מיניסטער זאל איבערנעמען דער קאנצלער אליין. ענדערונגען זאל געמאכט ווערען אויף די מיניסטארען-אמטען פון אינערן, יוסטיץ, קאמוניקאציע, ווירטשאפט.

היינט, נאכמיטאג האט דער קאנצלער שוין געפיהרט וועגען דעם אונטערהאנדלונגען.

מען שמועסט, אז דער נייער קאבינעט זאל רעקאנסטרואירט ווערען אויף רעכטס. די סאציאל דעמאקראטען וועלען זיך היינט בעראטען וועגען זייער שטעלונג אנצונעמען אין פאל פון א טענדענץ צו רוקען דעם קאבינעט אויף רעכטס.

# לארד רידינג אין פאריז

פאריז, 6 (ספ). היינט פארנאכט איז לארד רידינג אנגעקומען קיין פאריז. אויף דער באהן-סטאציע האבען איהם בעגריסט פארשטעהער פון דער פראנצויזישער רעגירונג.

פרעמיער לאוואל וועט ערשט מארגען אויפנעהמען דעם לארד רידינג.

# וועגען דייטשען חשק אויפ׳ן דאנציגער קארידאר

ניו-יארק, 6 (ספ. טעל.) וועגען די דייטשע האפנונגען אויפ׳ן דאנציגער קארידאר, שרייבט דער בעקאנטער אמעריקאנער פובליציסט פראנק סימאנס, אז די דערמאנטע דייטשע האפנונגען האבען זיך אויסגעלאזען מיט גארנישט, און אז דער איינציגער אויסגאנג פאר די דייטשען איז א נייער לאקארנא.

# אייפטאן סינקלער שווער קראנק

לאס-אנזשעלאס, 6 (פאט). דער בעריהמטער שרייבער אייפטאן סינקלער איז איבערגעפיהרט געווארען אין שפיטאל אין א צושטאנד פון א פולשטענדיגע נערווען-צוטרייסלונג.

# אעראפלאן, וואס איז בעשטימט צו פליהען אין סטראטאספערע



ערשטקלאסיגע
דאמען=שניידער=
געזעלען
בעשטעלט ווערען פון זאפארט געזוכט
ביי מ. צימערמאן, פיעטריקאווער 46.

3 נאוואמיעסקא / נאוואמיעסקא 3
טוך און קארט-געשעפט
Herman Włoski
לאדז, נאוואמיעסקא 3 טעל. 114-92, פראנט 2-טער שטאק
עמפעהלט צום איצטיגען הערבסט- און ווינטער-סעזאן דעם רייכסטען אויסוואהל פון די נייעסטע
דאמען- און הערען=שטאפען
ווי: לאדזער, טאמאשאווער, ביליצער, לעאנארד׳ס און אויסל. אויסארבייטונגען
בעסטע קוואליטעט! / נייעסטע מאדע! / פאבריקס=פרייזען! / הורט און דעטייל!
געדענקט די אדרעס! געדענקט די אדרעס!

רעקלאמע-וואך!!!
דערמיט האב איך דעם כבוד מיטצוטיילען דער ג׳ קונדשאפט, אז איך האב ערעפענט אין צענטרום פון שטאט אויף
פעטריקאווער 20 טעל. 85-240
דאס איינציגע יודישע אייראפעאישע קאלאניאל= און דעליקאטעסען=געשעפט
איינגעריכטעט לויט דער לעצטער, טעכנישער און היגיענישער פאדערונג.
אויף לאגער א רייכער אויסוואהל פון די בעסטע קאלאניאל און שפייז-ארטיקלען, דעליקאטעסען, געטרוקנטע און רויהע פרוכטען. די פיינסטע סארדינען, שפראטען, סקומבריא׳ס, טעה, קאווע, קאקאא א. ד. גל. צו קאסטען=פרייזען.
אויפ׳ן טעלעפאנישען פארלאנג ווערען אלערליי בעשטעלונגען, זאגאר די קלענסטע, אפגעשיקט א היים, נישט צורעכענדיג קיין שום ספעציעלע קאסטען.
איך עמפעהל מיך דער ג׳ קונדשאפט און צייכען מיט אכטונג
ב. זילבערצווייג, פעטריקאווער 20, טעל. 85-240
רעקלאמע=פרייזען
בעסטע קאלאניאל=סחורה

